אַז ער מאַכט לעבעדיק די טויטע און רופט
דאָס נישט־עקזיסטירנדיקע פּונקט ווי עס וואָלט
18 שוין עקזיסטירט. וואָס, ווען עס איז נישט געווען קיין
גרונט פאַר האָפענונג, האָט דאָך געגלויבט אין
דער האָפענונג, אַז ער וועט ווערן אַ פאָטער פון פיל
פעלקער, ווי עס איז אים צוגעזאָגט געוואָרן:
19 אַזוי וועט זיין דיין זאָמען. (בראשית טו, ה׳) און איז
נישט שוואַך געוואָרן אין גלויבן, ווען ער האָט
נאָכגעדענקט איבער זיין אייגענעם שוין כמעט
טויטן גוף,—ער איז דעמלט אַלט געווען באַלד
הונדערט יאָר—און שרהס אָפּגעשטאָרבענער מוטער־
20 טראַכט; און האָט נישט געצווייפלט דורך אומגלויבן
אין ג־טס הבטחה, נאָר זיך געשטאַרקט אין
21 אמונה, אָפּגעבנדיק כבוד צו ג־ט, און זייענדיק
פולשטענדיק איבערצייגט, אַז ער איז אימשטאַנד
22 צו טון וואָס ער האָט צוגעזאָגט. דערפאַר איז
עס אים פאַררעכנט געוואָרן צו גערעכטיקייט.
23 נישט נאָר פאַר אים אַליין איז עס געשריבן געוואָרן,
24 עס איז אים פאַררעכנט געוואָרן, נאָר אויך פאַר
אונזערטוועגן, וועמען עס וועט פאַררעכנט ווערן,
וואָס גלויבן אין אים, וועלכער האָט אויפגעוועקט
25 פון די טויטע ישוע אונזער האַר, וועלכער איז
איבערגעגעבן געוואָרן (צום טויט) צוליב אונזערע
עבירות און אויפגעוועקט געוואָרן פאַר אונזער
גערעכטפערטיקונג.